הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **כתר שם טוב**

| יום | סימן |
|---|---|
| ראשון | רט |
| שני | רי |
| שלישי | ריא |
| רביעי | ריב |
| חמישי | ריג - א |

# יחידתי

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

מפעלות חסידות
קול דודי
לעבן מיטן איבערשטן

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

פרשת תצוה תשפ"ב / גליון א'

שהחיינו!
דער שטארק אויפגעכאפטער גליון 'יחידתי' יעצט אין אידיש!


## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שן דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# דער 'חושן' איד מיטן 'אפוד' איד

### א בעל הבית איז נישט קיין חומריות'דיגער זאך. זוען עס קומט צו א 'נשמת' אדער א שטיקל חסיד'יש ספר, איז ער נישט קיין פרעמדער

די עסקנים פון דער מוסד זיצן ארום דעם טיש. מען רעדט און דעבאטירט וואס וועט זיין דער בעסטער וועג ווי אזוי צו איבערצייגן דער ציבור אז זיי זאלן ביישטייערן מיט גרויסע סומעס לכבוד דער חשוב'ער ארגאניזאציע.

"אין מיינע אויגן דארף מען ערשט מאכן א שטיקל סדר אין דער עולם. מיר דארפן אריינגעמען אין קאפ אז מען האנדלט דא מיט צוויי סארט שיכטן פון מענטשן. עס איז דא דער בעל הבית'ישער ציבור. צו זיי דארף מען רעדן מיט גשמיות'דיגע מושגים; נאך דעם איז דא די מער דערהויבענע אידן, די בני עליה, צו זיי דארף מען רעדן אנדערש; ביי זיי איז גוט אז מען מישט אריין אין די שמועסן ווערטער פון חז"ל אא"וו..."

זיי האלטן זיך נאך אינמיטן טענה'ן... אבער לאמיר פאר א רגע איבערלאזן די עסקנים מיט זייערע וויכוחים, און זיך פארטיפן אין די ספרי החסידות, און זען וואס זיי זאגן איבער די נושא.

## דער יחוד פון 'חומר וצורה'

איינס פון די בשורות וואס דער חסיד'ישער וועלט האט מיטגעברענגט מיט זיך, איז די נושא פון פשוט'ע אידן. דער הייליגער בעל שם טוב האט אסאך ארומגערעדט איבער די חשיבות פון דער פשוט'ער איד וואס איז א קליינער בעל השגה אבער דינט דעם אויבערשטן בתמימות. מערערע מעשיות ווערן דערציילט ווי אזוי דער בעשטה"ק האט מגלה געווען פאר זיינע תלמידים ווי אזוי א פשוט'ער דארפסמאן מיט זיין תהלים האט געשאקלט וועלטן.

און דאס האט געהאט גאר א שטארקער השפעה אויף די חסידים. אין די חסיד'ישע בתי מדרשים האט מען געהאט א הערכה צו דעם פשוט'ן דארפס־איד. מען האט ארויפגעקוקט זיין ערליכקייט, זיין משא ומתן באמונה און אויך דער דארפס־איד האט זיך געטראפן אן ארט אין דער חסיד'ישער שול. זייט ביי זייט פון דער געהויבענער איד וואס האט איזינען געהאט הויכע כוונות ביים דאווענען האט זיך דער פשוט'ער איד געטראפן דאס פלאץ, אויסגיסנדיג זיין הארץ פארן אויבערשטן אויף זיין וועג, מיט די פארשטאנד וויאזוי ער האט פארשטאנען די ווערטער פון דאווענען.

**פון וואו איז דער שורש צו די זאך? לאמיר לערנען א שטיקל דגל מחנה אפרים פון די פרשה:**

דער הייליגער 'דגל מחנה אפרים' געבט צו פארשטיין די ווערטער פון די תורה "ולא יזח החושן מעל האפוד" אז עס ליגט דא א טיפערער דערהער. ווען מ'איז זיך מתבונן אין די צוויי סארט בגדים זעט מען, אז דער **אפוד** לייגט דער כהן גדול מער אונטן, אויסער דעם איז עס אויך אויסגעדרייט אויף די צווייטע זייט. דאקעגן דער **חושן** ליגט אויפן הארץ פון דער מענטש.

דאס ווייזט אויף די צוויי סארט אידן וואס כלל ישראל פארמאגט. די צוויי אידן זענען קעגן דער **'חומר'** און די **'צורה'**. דער **אפוד** איז קעגן די חומר - א רמז צו די פשוט'ע סארט אידן. דאקעגן דער **חושן המשפט**, וועלכע מען האט געלייגט אויף די הארץ פון א מענטש, איז מרמז קעגן די כוונת הלב - א רמז אויף דער תלמיד חכם.

די תורה קומט אונז דא לערנען, אז דער **חושן** זאל זיך נישט אוועקרוקן פון דער **אפוד**. מען דארף אייביג מייחד זיין דיביידע. ווייל נאר אויב ביידע זענען צוזאמען - ווערט מקוים דער יחוד השם. ווייל די צוויי סארט אידן ווייזן אויף דער חומר און די צורה, און אז ביידע זענען דא צוזאמען איז דער יחוד גאנץ.

> **לשון קדשו:** "אפוד נקרא אנשי המוני, כי חושן המשפט שהוא נגד הלב, נגד כוונת הלב, הרומז לתלמידי חכמים... הכי נמי קאמר ש'לא יזח החושן מעל האפוד', כי הוא כלל הכל, ליחד החומר עם הצורה, ואז השם שלם והכסא שלם... כי החומר והצורה הוא שני סוגים שבישראל, אנשי המונים ויחידי סגולה".

## ער איז נישט קיין 'חומר'

אסאך מאל לערנען מענטשן אפ א צווייטן לויט זיין באשעפטיגונג. אויב באשעפטיגט ער זיך רוב טאג מיט 'חומריות', מיט וועלטליכע באשעפטיגונגען, ווערט ער באטראכט ווי א חומריות'דיגער מענטש. אבער די חסיד'ישע וועלט קומט און שיינט אריין אין די נקודה; טיילט אפ און זאגט אז כאטש דער מענטש איז טאקע באשעפטיגט אסאך שעות פון דעם טאג מיט גשמיות'דיגע און חומריות'דיגע זאכן, אבער דער חומר איז בעצם איינס מיט די צורה.

דאס הייסט: אז דער מענטש איז בכלל נישט קיין 'חומריות'דיגע' זאך, עס וועט זיין א טעות אנצוקוקן דער מענטש ווי ער איז נידריגער פון דעם צווייטן. ער איז נישט קלענער אדער גרעסער, נאר ער איז אן אנדערע סארט מציאות. **ביידע זענען עוסק מיט די צורה - נאר יעדער איז עוסק אין א צווייטער וועג.** עס גייט נאך איין טרעפל ווייטער. נישט נאר זיי זענען נישט קיין אנדערע מענטשן נאר ביידע דארפן אנקומען איינער צום אנדערן, און אויב זיי זענען נישט באהאפטן איז דער יחוד נישט גאנץ.

ווען איינער זאל קומען און זאגן אז עס איז פארהאן צוויי סארטן אידן אין כלל ישראל און צו יעדן דארף מען רעדן אנדערש, איז ער חלילה מפריד בין השמות! און ער לערנט אויך נישט ריכטיג אפ וואס דער בעל הבית'ישער איד טוט. עס זעט אים אויס ווי יענער איז א 'חומרי' אבער למעשה איז יענער א חלק פון די 'צורה'.

## הלכה למעשה: וואס נעמען מיר ארויס דערפון?

א בעל הבית איז נישט קיין חומריות'דיגער זאך. ווען עס קומט צו א 'נשמת' אדער א שטיקל חסיד'יש ספר, איז ער נישט קיין פרעמדער. ער איז שייך צו דער גאנצער זאך, ווייל דארט באלאנגט ער. ער איז יא א פרעמדער ווען עס קומט צו גשמיות'דיגע חומר, ער שטייט ווייט פון דעם ווייל ער איז נישט שייך צו דעם.

א בעל הבית איז נישט אראפגעקוקט ביי א בן עליה. פארקערט דער בן עליה קוקט אים ארויף, און אין א געוויסער מאס ווייסט נאך דער בן עליה דער חשיבות פונעם בעל הבית, מער ווי דעם בעל הבית זעלבסט. [אזוי געבט דער דגל צו פארשטיין אז וועגן דעם שטייט 'לא יזח החושן' - ווייל דער בן עליה איז מער מצווה אויף דעם, ווייל דער בעל הבית ווייסט נישט אלעמאל זיין מעלה].

ביידע זענען מצווה מיט א ציווי אלקי אז זיי זאלן זיך נישט אוועקרירן איינער פון צווייטן, ווי דער פסוק זאגט ולא יזח, און עס טאר נישט קומען דערצו אז איינער זאל אפלאזן דעם צווייטן, נאר ביידע זאלן זיין פאראייניגט כאיש אחד בלב אחד.

# ניסיונות איז א לכתחילה

## וואס איז דער תכלית פון א מענטש אויף דער וועלט? ♦ א לעבן ריין פון נסיונות אדער איז נישטא אזא זאך? ♦ פארוואס האב איך אזא נידריגער גוף? ♦ און פארוואס זעט אלעס אויס אזוי פינסטער?

**משפיע:** א גוט יאר אברהם יצחק, וואס זאגסטו עפעס גוטס?

**אברהם יצחק:** ברוך השם! איבער וואס גייען מיר רעדן היינט?

**משפיע:** לאמיר הערן פון דיר, וואס וואלסטו געוואלט רעדן?

**אברהם יצחק:** דער אמת איז אז עס איז שוין א לענגערע צייט וואס כ'וויל רעדן איבער א נושא. איך האב א שטיקל חקירה...

**משפיע:** א חקירה, ס'הערט זיך גוט. אדרבה! לאמיר הערן.

**אברהם יצחק:** איך האב א חקירה לגבי די נסיונות וואס א מענטש גייט אריבער אין זיין לעבן. וואס איז דער תכלית פון דעם? צי דארף דער מענטש שטרעבן אז ער זאל לעבן אן נסיונות און ער זאל קענען דינען דעם אויבערשטן במנוחה, אדער איז עס בכלל נישט קיין מעלה צו לעבן 'א לעבן אן נסיונות'?

**משפיע:** עס הערט זיך זייער א גוטער חקירה. אבער אויב איך מעג, לאמיר דיר פרעגן פון וועלכע ריכטונג האב זיך אנגעהויבן וואונדערן צו מיר אליין, צי עס גייט זיך אמאל ענדיגן, אדער איז מיר אנגעשריבן פון אויבן א לעבן פול מיט נסיונות, און איך גיי קיינמאל נישט ארויסקריכן פון דער יעצטיגער מצב.

## פארוואס זאל איך נישט באקומען פון הימל 'א רביי'שער גוף'?

**משפיע:** לויט וויפיל איך פארשטיי פון דיר, קוקסטו ארויס אויפן טאג ווען דו וועסט מער נישט האבן קיין נסיונות, און ווען דו האסט איינגעזען אז עס גייט דיר נישט און דו קומסט קיינמאל נישט אן צו אזא טאג - האט עס דיר ביטערליך אנטוישט.

איך האב פאר דיר א קשיא: לאמיר זאגן אז דו וועסט איין טאג אנקומען צו אזא דרגה, וואס וועסטו טון א גאנצן טאג? פארוואס ביסטו דא אויף דער וועלט?

**אברהם יצחק:** וואס הייסט וואס איך וועל טון? וואס איז די שאלה? די עבודת ה' און תורה איז 'אֵין סוף'. מען קען לערנען און לערנען און עס ענדיגט זיך קיינמאל נישט. אדרבה, צו וואס דען בין איך געקומען אויף דער וועלט? צי בין איך אראפגעקומען אהער צו ארומפאטשקען אין נארישקייטן?

**משפיע:** אויף צו לערנען א גאנצן טאג און זיין ריין פון יעדער נסיון וואלסטו דאך געקענט בלייבן אויף יענער וועלט. דער באשעפער האט גענוג און נאך מלאכים אויף יענער וועלט, ער דארף נישט נאך איינער אויף דעם עולם התחתון.

**אברהם יצחק:** דער געדאנק האב איך שוין געהערט אסאך מאל. מען האלט אין איין זאגן אז דער מענטש איז דא אויף דער וועלט ווייל נאר אז ער דינט השי"ת אויף דער וועלט האט השי"ת פון אים א נחת רוח. איך בין מסכים צו דעם, אבער לדעתי איז דא א שטיקל חילוק צווישן א נסיון וואס קומט אמאל אמאל, און א לעבן וואס איז איין שטיק נסיון...

און אייגנטליך, איז דאס מיין חקירה. איך ווייס אז דער אויבערשטער האט אונז אראפגעשיקט אויף דער וועלט ווייל ער וויל אונז מנסה זיין און נאר אויב מיר זענען עומד אין די נסיון האט ער א נחת רוח פון אונז. אבער מיין חקירה איז; צי דאס מיינט מען טאקע אז מען זאל זיך טובל'ען אין נסיונות, אדער א נסיון פון צייט צו צייט?

בעסער געפרעגט: איך וויל וויסן צי בין איך אויפן ריכטיגן פלאץ צי נישט? צי דער פאקט אז איך האב אזויפיל און אזעלכע שטארקע נסיונות זאגט נישט עפעס וועגן מיר?

**משפיע:** געב א קוק, דו פרעגסט גוט, אבער לאמיר אנהייבן מיט די נקודה וואס דו אליין האסט דא ארויפגעברענגט. דו זאגסט אליין אז דו פארשטייסט אויך אז דיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט איז נישט קיין צופעליגע זאך. דער פאקט אז דיין הייליגע נשמה איז אריינגעפאלן אין אזא נידריגע גוף איז נישט קיין טעות. דו ביסט אויך מודה צו מיר אז אלע נסיונות וואס דו גייסט אריבער, שטאמען פון איין מקור. עס נעמט זיך פון דיין גוף. דער גוף איז א גלוסטיגער זאך. ער וויל און וויל אן אויפהער. ער וויל עסן אלעס. ער וויל זען אלעס. ער וויל לעבן באקוועם. דו פרעגסט נאר פארוואס האט השי"ת דיר געגעבן אזא חומריות'דיגער גוף. דו וואלסט ווען געוואלט אז דיין גוף זאל נישט זיין אזוי פארגרעבט, אין איין ווארט: דו ווילסט אן איידעלער גוף.

## שוועריגקייטן מיט נסיונות - א לכתחילה'דיגער זאך

**אברהם יצחק:** האסט עס גוט ארויסגעברענגט. יא, דאס איז גענוי וואס עס באדערט מיר. די תכלית פון די נסיונות איז דאך אז מ'זאל זיך מתגבר זיין אויף זיי. אויב אזוי פארוואס האבן מיר אזא מגושמ'דיגער גוף?

**משפיע:** ערשטנס לאמיר מאכן איינס מיט נאך איינס. דער עצם מציאות אז דו ביסט אזוי און דער בורא כל העולמים האט דיר אזוי באשאפן מיט אזא פארגרעבטער נפש און מיט אזא עבודה רעדט פאר זיך אליין. **עס זאגט מער ווי יעדער הסבר אויף די וועלט אז דאס איז טאקע דיין עבודה און ממש דאס וויל השי"ת פון דיר** און נאר אזוי וועט ער האבן פון דיר נחת רוח - אפילו ווען עס קומט אונטער איין נסיון נאכן צווייטן, און אסאך מאל איז יעדן טאג דא עטליכע נסיונות.

און טאקע וועגן דעם האט דיר השי"ת באשאפן מיט אזא גוף אז עס האט אזויפיל תשוקות און משיכות, און קעגן אלע נסיונות שטייט א יונגער בחור וועלכער האלט זיך שטארק און וויל זיך נישט אפרייסן פון השי"ת, דאס אליין מאכט אין הימל א געוואלדיגער נחת רוח, און וועגן אזא נחת רוח האט געלוינט אז השי"ת זאל באשאפן די גאנצע בריאה, אז מען זאל קענען פון הימל צוזען ווי אזוי א יונגער נשמה שלאגט זיך פאר זיינעטוועגן.

**אברהם יצחק:** לויט ווי דו לייגסט עס אראפ קומט אויס אז דער נסיון איז א לכתחילה'דיגער זאך, אויב אזוי פארוואס ווער איך אזוי צובראכן ווען איך האב א נסיון?

**משפיע:** פארוואס דו פלעגסט ביז יעצט ווערן צובראכן פון נסיונות? דאס איז נישט קיין קשיא. דו האסט דאך אליין געזאגט אז ביז היינט איז דיין בליק אויף די נסיונות געווען אז עס טאר נישט זיין. און ווען דו האסט געזען אז זיי גייען נישט אוועק און ווערן נאר מער ביסטו געווארן צובראכן פון דעם. אבער יעצט אז דו זעסט שוין אין דעם - ווי דיין הגדרה - א 'לכתחילה'דיגע זאך', און דו פארשטייסט שוין אז די גאנצע פמליא של מעלה קוקט ארויס אויף דיר און ווארט צו זען אויב וועסטו זיך מתגבר זיין צי נישט, איז פשוט אז פון היינט וועסטו מער ביסטו אנגעקומען צו די חקירה; צי ווייל דו האסט זיך מתבונן געווען אין די בריאה, אדער דורכדעם וואס דו ביסטו געווען אין א געוויסער מצב און דער מצב האט דיר צוגעברענגט צו די חקירה?

**אברהם יצחק:** דער אמת איז אז די חקירה איז מיר אויפגעקומען אין א צייט ווען איך האב זיך מתבונן געווען אין מיר אליין. איך האב געמאכט א חשבון הנפש און זיך בודק געווען וואו איך האלט אין אלע ענינים, וויפיל איך האב זיך גערוקט פאראויס אין די לעצטע יארן, און די תוצאות זענען נישט געווען זייער ביטער. איך האב באמערקט אז אלעמאל נאכדעם וואס איך האב זיך יא מתגבר געווען אויף א נסיון איז אונטערגעקומען א נייער נסיון. אמאל איז עס געווען אין א סור מרע, אמאל אין אן עשה טוב, אמאל איז עס געווען 'בין אדם למקום' און אמאל איז עס געווען 'בין אדם לחבירו'. דער סך הכל איז געווען אז שטענדיג זענען דא פרישע נסיונות. איך

> די ערשטע זאך וואס עס דארף זיך טוישן ביי דיר איז דער עצם בליק אויף א נסיון איז, אז דו דארפסט אנהייבן מחשיב צו זיין דער עצם נסיון

נדבת הרה"ח ר' **משה חיים טובול** שליט"א
בארא פארק
לרגל הופעת הגליון בשפת האידיש
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

נדבת הרה"ח ר' **אליעזר ווייזער** שליט"א
בארא פארק
לרגל הופעת הגליון בשפת האידיש
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

נדבת הרה"ח ר' **יוסף שטרייכער** שליט"א
בארא פארק
לעילוי נשמת הרה"ח ר' **יחזקאל שרגא** ב"ר **שאול בנימין** ז"ל
ת.נ.צ.ב.ה.

נדבת הרה"ח **החפץ בעילום שמו** שליט"א
מאנסי
לרגל הופעת הגליון בשפת האידיש
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

נדבת הרה"ח **החפץ בעילום שמו** שליט"א
בארא פארק
לרגל הופעת הגליון בשפת האידיש
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

נדבת הרה"ח ר' **חיים מאיר הירש** שליט"א
ירושלים
לרגל הולדת נכדתו הראשונה תחי'
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו שירווה נחת דקדושה מכל יוצ"ח

נישט זיין צובראכן פון דיינע נסיונות.

**אברהם יצחק:** אמת. אגב דו דערמאנסט אין דיינע ווערטער אז די פמליא של מעלה שטייט און קוקט ארויס אויף די נסיונות און ווי אזוי איך גיי זיך מתגבר זיין אויף דעם. קען דען זיין אזא זאך? וויאזוי קען זיין אז א הייליגער מלאך וואס האט נישט קיין יצר הרע זאל שטיין און קוקן ווי אזוי איך בין זיך מתגבר אויף א נסיון?

**משפיע:** דו דארפסט וויסן און פארשטיין איין שטארקער יסוד. אין הימל שעצט מען נאר איין זאך. מען שעצט נאר ווער עס איז מקיים דער רצון השם פון די פינסטערניש. אז דו האסט מקיים געווען דער רצון השם אין הימל ביסטו חשוב. אז נישט - נישט. דער עצם זאך אז דו האסט געהאט א נסיון איז נישט קיין נושא. אדרבה ווען מען זעט אז דו האסט זיך מתגבר געווען ווערן די מלאכים פול מיט קנאה אויף דיר. זיי דינען אויך השי"ת, אבער אזא סארט עבודה ווי צו דינען השי"ת מתוך הסתר, דאס האבן זיי נישט, און וועגן דעם זענען זיי אזוי מקנא דעם מענטש.

## נישט ווערן דערשראקן פונעם ניסיון

**אברהם יצחק:** אבער אלעס איז זייער חשוב און אמת - ווען דער מענטש איז עומד בנסיון. אבער וואס טוט זיך ווען דער מענטש פאלט אדורך? און דער אמת איז, אז אסאך מאל באפאלט מיר דער נסיון אין א מינוט ווען כ'האב נישט קיין ישוב הדעת און איך ווער אזוי פארלוירן פון דעם עצם נסיון.

**משפיע:** די ערשטע זאך וואס עס דארף זיך טוישן ביי דיר אויסער דער עצם בליק אויף א נסיון איז, אז דו דארפסט אנהייבן מחשיב צו זיין דער עצם נסיון און די עצם מלחמה. דו דארפסט וויסן אז דער אויבערשטער האט א מורא'דיגע נחת רוח פון דער עצם מלחמה און ווי אזוי דו ביסט עומד אין דעם, אפילו ווען די הצלחה איז נישט א הונדערט פראצענטיגע.

דער עצם זאך אז דו שלאגסט זיך למענו יתברך פארשאפט אים א נחת רוח!

**און פון דעם וועסטו פארדינען נאך א זאך:** ווען א מענטש ווייסט אז דער עצם מלחמה איז א גוטע זאך ווערט ער נישט אזוי דערשראקן ווען עס קומט אן א נסיון. ווען א מענטש ווייסט אז א נסיון איז נישט קיין גוטע זאך וועט ער זוכן צו אנטלויפן פון די נסיון. ער לעכצעט שוין נאך אביסל מנוחה, און ער האט שוין נישט קיין כח פאר די נסיונות. אבער אויב ער ווייסט אז דער עצם נסיון איז א גוטע זאך און אז יעדע מאל וואס ער איז זיך מתגבר פארדינט ער גרויסע פארדינסטן, ווערט ער נישט אזוי דערשראקן און פארלירט נישט די ישוב הדעת. פארקערט, ער פריידט זיך מיט די נסיון און ער ארבעט מיט דעם.

**אברהם יצחק:** לויט וואס דו זאגסט איז דער נסיון א גוטע זאך. נו, אויב אזוי פארוואס שעם איך זיך אזוי מיט מיינע נסיונות? פארוואס שפיר איך אז נאר איך האב אזעלכע שווערע נסיונות און קיינער האט עס נישט?

**משפיע:** ערשטנס פון וואו ווייסטו וואס עס גייט אריבער אויף יענעם? און צווייטנס דארפסטו וויסן אז דאס איז דער גרעסטער און דער שטערקסטער געווער פון דעם יצר הרע. ער וויל אז דו זאלסט זיך שפירן שלעכט פון דער עצם נסיון. ער וויל זאלסט ארומגיין מיט א שווערע פיינפולע געפיל פארוואס שטויסן מיר אן אזעלכע נידריגע נסיונות. ער פארדינט זייער אסאך פון די מסקנא וואס מ'מאכט נאך אזעלכע מחשבות; 'דער עצם זאך אז כ'האב אזויפיל נסיונות און אזעלכע נסיונות איז א סימן אז איך בין גארנישט ווערד'. אבער דו לאז זיך נישט פארכאפן פון אים! פייף אים אן!

די נושא פאדערט אן אריכות, אבער כרגע איז נישטא גענוג צייט פאר דעם. איך וואלט נאר געוואלט פארענדיגן מיט דער באקאנטער ווארט פון דעם הייליגן בעשטה"ק אז 'שוחט משום מאי מחייב? משום צובע!' דער בעשטה"ק געבט צו פארשטיין אז מען באשולדיגט דער יצר הרע נישט אויף דער עצם זאך אז ער רעדט צו א מענטש ער זאל טון אן עבירה, נאר ווייל ער פארבט די מצוה אויף אן עבירה.

מען קען זאגן די זעלבע זאך דא. דער יצר הרע פארבט די נסיונות שווארץ. ער איז גורם אז דער מענטש זאל האבן חלישות הדעת אויף דער עצם זאך אז ער האט נסיונות. אבער עס איז א טעות! דער בליק דארף זיין פארקערט. דער מענטש דארף זיין גליקליך מיט דער נסיון. ער דארף זיך פרייען אז ער קען זיך מתגבר זיין אויף די נסיון.

חזק ואמץ! און געדענק אז מיט יעדער התגברות וואס דו ביסט זיך מתגבר, ביסטו גורם א נחת רוח פאר השי"ת וואס קיין איין מלאך און שרף קען אים נישט צוברענגען אזא נחת רוח ווי דו!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**דער גרעסטער יצר הרע איז, אז א איד פארגעסט אז ער איז א בן מלך**

**הרה"ק ר' שלמה מקארלין זי"ע**

# לאמיר כאטש מכבד זיין דעם אויבערשטן...

פון יונגווייז אן איז דער הייליגער צדיק פון ראזלא געווען בארימט איבעראל מיט זיין זיסער און שיינער שטומע.

קינד און קייט האבן געוואוסט צו רעדן איבער זיין הערליכער און נעימות'דיגער קול. דער דארשט עס צו הערן פלעגט צוברענגען אז אויך ווען ער האט נישט געדאווענט פארן עמוד, פלעגן זיך אידן שטעלן ארום זיין פלאץ אין שול צו קענען אויסהערן ווי אזוי ער דאוונט.

און ווען מ'האט געוואוסט אין די שטאט אז ער גייט צוגיין צום עמוד איז יעדער געקומען אין שול. קיינער האט נישט געוואלט פארפעלן צו הערן דאס דאווענען פון דעם הייליגן צדיק.

שוין זייענדיג אויף די עלטער האט דער הייליגער צדיק אמאל גערעדט פון יענע יארן, ווי אזוי דער יצר הרע האט אריינגעברענגט אין אים פניות, און אז ער האט כסדר געדארפט מלחמה האלטן מיט דעם, ווען יעדע תפילה פאר זיך איז געווען א מלחמה.

"האב איך זיך דעמאלטס געזאגט," האט דער רבי דערציילט יארן שפעטער. "מה לי ולצרה הזאת? בעסער וועל איך קיינמאל נישט צוגיין צום עמוד און אזוי ארום וועל איך זיך פארשפארן אלע נסיונות."

מיט דעם האב ער אבער נאר געלעזט די נסיון פון גאוה ביים עמוד, אבער ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט דער יצר הרע פון גאוה פון די אידן וואס שטעלן זיך ארום אים?

אויך אויף דעם האט ער געטראפן א גוטער אויסוועג.

"איך האב זיך געשטעלט אין דער ווינקל פון שול וואו קיינער וועט זיך נישט קענען שטעלן נעבן מיר," האט דער צדיק אויסגעפירט מיט יארן שפעטער. "צי מיינט איר אז די אלע זאכן האבן געהאלפן?"

און דער צדיק האט ממשיך געווען צו דערציילן:

"שטייענדיג אזוי אין ווינקל האט זיך טאקע געדאווענט א ווארעמער דאווענען לעילא ולעילא. דער דאווענען איז געווען ריין און זויבער פון יעדער זייטיגער פניה, אבער ווען איך האב געענדיגט דאווענען און כ'האב זיך מתבונן געווען ווי שיין איך האב געדאווענט און ווי אזוי דער דאווענען איז געווען ריין פון יעדער שמץ פון פניות, האב איך נאכאמאל געהערט דער קול פון דער יצר הרע. דאס מאל האט ער מיר געזאגט, 'אה אזוי שיין צו דאווענען...'

"דעמאלטס האב איך פארשטאנען אויף למפרע אז דער יצר הרע איז טעטיג איבעראל, נישט נאר ביי די מזרח."

האט דער צדיק אויסגעפירט פאר זיינע חסידים:

"איך האב גענומען דער סידור און מיט איר בין איך צוריק דאווענען ביים אויבנאן. און אויך ווען דער שמש האט מיר צוגעשיקט צום עמוד בין איך צוגעגאנגען. מיין חשבון דערמיט איז געווען אז סייווי קומט ער מיר נאך איבעראל וואו איך גיי; זאל איך שוין מכבד זיין השי"ת מגרוני און מעורר זיין לבבות מישראל."

עס מאכט זיך אמאל אז א מענטש האלט זיך אפ פון א געוויסער זאך ווייל ער האט מורא אז ער וועט טון די פעולה מיט פניות. אזא איד דארף צו וויסן צוויי זאכן:

די נסיון פון פניות און גאווה וועט ער סיי ווי סיי האבן. אמאל האט ער עס צוליב די פעולה, און אויב וועט ער זיך אפהאלטן פון די פעולה וועט ער האבן גאוה אז ער האט נישט קיין גאוה...

וויבאלד דו וועסט סייווי האבן פניות און זייטיגע מחשבות - זאלסטו כאטש מקיים זיין א מצוה און ברענגען א נחת רוח פאר השי"ת. עס לוינט זיך די מלחמה מיטן יצר, אויב אינאיינוועגס ברענגט מען דערוויל א נחת רוח פאר השי"ת.

**מקור: דברי תורה מונקאטש**

# איך האב א קאנקורענץ

## ווי געב איך זיך א עצה מיט מיינע מחשבות איבערן קאנקורנעץ? איז דא א פראבלעם אין די עצם מחשבות?

### שאלה:

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך געגרינדעט א ביזנעס. מיט די יארן האב איך זיך איינגעהאנדלט א רייע קליענטן וועלכע זענען אנגעוויזן אויף די סערוויס וואס איך שטעל זיי צו. לעצטנס האב איך באקומען א קאנקורענץ, א היימישער יונגערמאן, וועלכער האט אנגעהויבן צו צושטעלן גענוי די זעלבע סערוויס ווי מיר.

פון ווען איך האב געהערט דערפון בין איך אומרואיג. איך לעב אין א געוויסע פחד אז יענער גייט מיר צונעמען מיין פרנסה. כאטש איך ווייס אז א איד דארף גלייבן אז וואס עס איז באשערט פאר אים וועט אים קיינער נישט קענען צונעמען, דאך קען איך זיך נישט מתגבר זיין אויף די מחשבות.

דאס שטערט מיר אויך אויף די מצוה פון אהבת ישראל. יענעמ'ס הצלחה איז גורם אז מיינע געפילן צו יענעם איד זאלן זיין פארקערט פון אהבת ישראל...

איך וואלט געוואלט הערן אן עצה ווי אזוי קען מען זיך מתגבר זיין אויף די סארט מחשבות?

### תשובה:

ערשטנס, איז כדאי צו ארויסדריקן די טיפע התפעלות פון דיר. פון דיינע ווערטער דערקענט זיך אז דער עצם קאנקורענץ טוט דיר נישט אזוי שטארק וויי, ווי די חסרון אין אמונה און בטחון און אהבת ישראל. אשריך! אז דאס זענען דיינע דאגות.

פאר מיר לאזן זיך אריין אויסצושמועסן וואס איז די עצה פאר דיין שאלה, לאמיר ערשט מקדים זיין א וויכטיגע נקודה. פון דיינע ווערטער זעט מען אז עס באדערט דיר 'פארוואס' דו האסט אזעלכע סארט מחשבות. עס טוט דיר וויי - 'ווי אזוי קומט צו מיר בכלל אזעלכע געדאנקען'; וואו איז מיין אמונה? וואו איז מיין בטחון? פארוואס בין איך אזא אומפארגינער? וואו איז מיין אהבת ישראל?

## די מחשבות זענען די מטרה, נישט קיין חסרון

אויף דעם לאמיר דיר זאגן אז אזעלכע מחשבות איז א נארמאלע זאך. און נישט נאר איז עס נארמאל, עס איז אויך דער רצון הבורא. עס איז נישט קיין צופעליגע זאך אז מיר זענען באשאפן געווארן מיט א יצר הרע און א יצר טוב; דאס אז מיר זענען א צוזאמשטעל פון א נפש אלקית און א נפש הבהמית - דאס איז די כוונה פון די בריאה. ווייל דער רצון השם איז אז מיר זאלן אים ממליך זיין בתחתונים, **דאס איז די 'מטרה' און נישט דער 'חסרון'.**

און עס גייט א שטאפל ווייטער: דער עצם זאך אז עס קומט ארויף ביי דיר אין קאפ אזעלכע מחשבות, מיינט נישט אז דו ביסט נישט א מאמין אדער אז עס פעלט דיר אין אהבת ישראל. עס איז זייער מעגליך אז דו ביסט באמת אן אוהב ישראל און א שטארקער מאמין, אבער די מחשבות קומען דיר ארויף אין קאפ פון דער 'נפש הבהמית' וואס דו האסט. עס דארף זיין קלאר אז דער עצם עקזיסטענץ פון דער מענטש באשטייט אויף איין שטיק סתירה. א מענטש איז א צוזאמשטעל פון א חלק אלוק ממעל און א נפש הבהמית, און ווען מען שטעלט צוזאמען דיביידע זאכן קומען ארויף אין דעם מענטש אזעלכע מחשבות, אפילו אז מען איז בעצם נישט אזוי.

עס איז נישט קיין חסרון! **דער חסרון הייבט זיך אן ווען מען געבט נאך די מחשבות און מען ווערט נאכגעשלעפט נאך זיי.**

און נאכמער, אין די ספרים הקדושים ווערט מבואר אז דער עצם ווייטאג ביי א מענטש אז עס קומט אים אריין אזעלכע מחשבות גרעניצט זיך מיט גאוה. ווייל פון וואו נעמט א מענטש דער הוה אמינא אז ער איז ריין פון אזעלכע מחשבות? צי איז ער דען א צדיק? נאר א צדיק וואס האט אזויפיל אוועקגעשטויסן פון זיך דער יצר הרע איז ריין פון אזעלכע מחשבות. ביי א פשוט'ער איד איז עס א געוועגליכע זאך עס זאלן זיך טרעפן אזעלכע מחשבות.

א איד איז נישט מצווה ועומד אז ער זאל נישט האבן די סארט מחשבות, אבער ער איז יא מצווה ועומד עס דוחה צו זיין ווען עס קומט אים ארויף אין קאפ.

דער טעות זיך מצטער צו זיין ווען עס קומען ארויף די סארט מחשבות אין קאפ, נעמט זיך אסאך מאל פון הערן/לייענען מעשיות איבער גרויסע אידן וועלכער האבן געהאלפן זייערע קאנקורענצן און זיי אויסגעלערנט די סודות פון האנדל אא"וו. און ווען מען לייענט די מעשיות ווערט ביים מענטשן נתעורר די שאלה, 'וואו בין איך?'

די פארגרייזטע מסקנא וואס מיר מאכן הערנדיג די מעשה איז, אז דער גרויסער איד האט נישט געהאט קיין נסיון. ווייל אין די ביכער דערציילט מען נאר די האלב פון די מעשה. עס ווערט נישט דערמאנט די אינערליכע מלחמה מיט וואס דער איד האט זיך בשעת מעשה געאמפערט, און די פעולה וואס ער האט געטון בייצוקומען די נסיון.

## און יעצט, למעשה: ווי אזוי פארמעסט מען זיך בפועל מיט די מחשבות?

כדי אז מען זאל זיך קענען מתמודד זיין מיט די סארט מחשבות נאך ווען זיי קומען ארויף - לאמיר צונעמען יעדער מחשבה באזונדער.

> עס דארף זיין קלאר אז דער עצם עקזיסטענץ פון דער מענטש באשטייט אויף איין שטיק סתירה. א מענטש איז א צוזאמשטעל פון א חלק אלוק ממעל און א נפש הבהמית

**קעגן די מחשבה אז דו וועסט מעגליך פארלירן דיין פרנסה:** די ערשטע זאך דארף זיין קלאר ביי דיר אז עס איז נישטא אזא זאך! קיינער קען נישט צונעמען פון דיר פון וואס ס'איז אנגעגרייט פאר דיר - אפילו כמלא נימה. וואס איז באשערט פאר דיר וועסטו באקומען און קיינער קען דיר עס נישט צונעמען. עס גייט נאך טיפער. דיין קאנקורענץ איז פאר דיין טובה! מיר ווייסן אז גארנישט פאסירט נישט פון זיך אליינס. אז ער איז געווארן דיין קאנקורענץ איז א סימן אז פון הימל האט מען אים אריינגעגעבן אין קאפ אריין אז ער זאל קאנקערירן מיט דיר; דער גוטער באשעפער וואס זארגט זיך פאר דיין גוטס האט עס געטון - איז עס זיכער פאר דיין טובה וועגן.

**אן עצה טובה** זיך צו שטארקן אין די נושא איז ארויסצוזאגן די דיבורי אמונה מיטן מויל, ווי די ספרים הק' ברענגען 'האמנתי כי אדבר' אז דער דיבור ברענגט אמונה.

**און צו די מחשבה וואס ברענגט דיר צו, אז עס זאל דיר פעלן אין אהבת ישראל:** דער זוה"ק זאגט ביי די פרשה פון יוסף מיט די ברידער, אז טאקע וועגן דעם דערציילט די תורה די מעשה, כדי זיך ארויסצולערנען פון דעם אז נישט דער און דער טוט. נאר מען געבט אריין פארן מענטשן ער זאל אזוי צי אזוי טון. ממילא איז נישטא קיין פלאץ פאר היפך אהבת ישראל, ווייל ס'איזד דאך נישט דער קאנקורענץ וואס טוט דאס. דו פילסט א שווער הארץ אויף יענעם ווייל עס קוקט אויס אז ער האט אזוי אדער אזוי געטון, אבער אז דו ווייסט אז נישט 'ער' טוט עס, נאר מען האט עס פון הימל אזוי געפירט - דאן האסטו שוין נישט קיין טענות צו אים.

**אן עצה טובה** אויף דעם, איז צו ארויס רעדן דאס אליין, אז דער קאנקורענץ טוט גארנישט, וואס דאס פועל'ט אזוי ווי די דיבורי אמונה, ווייל דער כח הדיבור האט א כח הסגולי וואס ברענגט דעם מענטש צו דעם וואס ער רעדט.

**נאך אן עצה איז דא**, צו העלפן פאר יענעם בפועל מיט עצות אין געשעפט. און מיט דעם פארדינסטו צוויי זאכן: סיי אז דו געבסט ארויס מן הכח אל הפועל דיינע גוטע מחשבות פון אמונה און אהבת ישראל, אז ער טוט גארנישט און אלעס איז מן השמים, און צווייטנס פארדינסטו אויך, אז ווען מ'רעדט דערוועגן מיטן קאנקורענץ - אויטאמאטיש צעלאזט זיך די שנאה. דאס איז א וואונדערליכע נפלאות הבורא; ווען צוויי מענטשן, אפילו שונאים, רעדן צווישן זיך, ווערט די שנאה אפגעשוואכט.

**לאמיר צולייגן נאך א נקודה.** עס איז מצוי ביי קאנקורענצן אז שטענדיג איז איינער זיכער אז דער צווייטער מאכט אים נאך, און אלעס וואס יענער פארדינט איז א דאנק מיר - אויך אויף דעם קען מען זיך מתגבר זיין, טראכטנדיג אז דיין זכיה איז טאפלט. נישט נאר דו שפייזסט דיין משפחה, האסטו נאך א זכיה, אז דורך דיר ווערט נאך א משפחה אין כלל ישראל געשפייזט.

**מיט פול סייעתא דשמיא!**

דימון | עיצוב והדמיות BRN